**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/2/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**לאנג איילענד אנפירער און אויסגעוויילטע אפיצירן אדרעסירן ניו יארקס האוזינג קריזעס נאך גאווערנער האקולס פאטשאוג באזוך צו אונטערשטרייכן די ניו יארק האוזינג קאמפאקט**

גאווערנער קעיטי האקול איז היינט ארומגעפארן פאטשאוג אין סופאלק קאונטי, לאנג איילענד מיט ארטיגע אנפירער און אויסגעוויילטע אפיצירן אפצוצייכענען הויפט עלעמענטן פון דער ניו יארק האוזינג קאמפאקט -- דער גאווערנערס ארומנעמיגע סטראטעגיע אנאנסירט אין דעם שטייער-יאר 2024 עקזעקוטיוו בודזשעט צו אדרעסירן ניו יארקס האוזינג קריזעס און בויען 800,000 נייע דירות אין די נעקסטע 10 יאר. אדוואקאטן האבן ארויסגערופן ברייטע שטיצע פאר דער גאווערנערס וויזיע צו מאכן ניו יארק מער וואוינעוודיג, מער צום דערגרייכן און מער צוטריטלעך.

**סופאלק קאונטי עקזעקוטיוו סטיוו בעלאון האט געזאגט,** "לאנג איילענד איז אוועקגעשטעלט אויף א גוטן אופן פאר אויסהאלטעוודיגע געוואוקס וואס וועט העלפן שיצן די אייגנטום ווערדיגקייט און איינהאלטן שטייער העכערונגען, א דאנק דעם גאווערנערס אינוועסטירונגען אין אונדזער ראיאנס טראנספארטאציע און אינאוואציע פארמאג.די איינציגע גרעסטע סכנה צו דער עקאנאמישע הצלחה איז דער האוזינג קריזעס און איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר נעמען דעם ענין פראנטאל. דער גאווערנער האט פארגעלייגט א פלאן וואס וועט סטימולירן ארטיגע מוניציפאליטעטן צו ארבעטן האנט אין האנט מיטן סטעיט צו אדרעסירן אן ענין וואס איז קריטיש צו אונדזער עקאנאמישע צוקונפט."

**שטעטל פון פאטשאוג מייאר פאול פאנטיערי האט געזאגט,** "האוזינג קאסטס זענען ענינים וואס לאנג איילענדער קאנפראנטירן. דא אין פאטשאוג, האבן מיר געטאן אסאך צו אדרעסירן די האוזינג קריזעס אויף לאנג איילענד און האבן געבויעט געמישטע-באניץ ארבעטס-כוח האוזינג כדי אונדזערע יונגע דערוואקסענע און עלטערע זאלן קענען דא בלייבן און זיך משתתף זיין אין אונזער ארטיגע עקאנאמיע. איך האב געהאט דעם פארגעניגן צו ווייזן גאווערנער האקול ווי אזוי געדיכטקייט און אויסשטעל גייען האנט אין האנט און איך קוק זיך אויס צו ארבעטן מיט איר אדמיניסטראציע צו מאכן זיכער אז אונדזערע קאמיוניטיס זאלן קענען אדרעסירן די האוזינג קריזעס מיט די כלים וואס זיי דארפן דאס איינצופירן.

**מיט-פארזיצער פון LIREDC דזשאן נאדלער האט געזאגט,** "דער ראיאנס אויספעל פון צוטריטלעכע דירות האבן שטארק געשטערט די קאלעדזשעס יכולות אריינצוברענגען און אנהאלטן טאלאנט. אדרעסירן דעם האוזינג אויספעל איז נייטיג פאר דער צוקונפדיגע הצלחה פון דער קאלעדזש און לאנג איילענד."

**מיט-פארזיצערין פון LIREDC לינדע ארמין האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר אויפהייבן די נישט גענוגיגע האוזינג אלץ א קריטישער קאמפאנענט פאר ניו יארק סטעיטס אנגייענדיגע עקאנאמישע געוואוקס."

**פרעזידענט פון לאקאל RWDSU/UFCW 338 דזשאן דורסא האט געזאגט,** "מיר זענען געמוטיגט פון גאווערנער קעיטי האקולס איבערגעגעבנקייט צו אדרעסירן די מולטי-דורות'דיגע האוזינג פראבלעם.

מיר קוקן זיך אויס צו ארבעטן מיט איר און די אנדערע פאראינטערעסירטע אויף לאנג איילענד צו אדרעסירן דעם קריטישן ענין וואס קאנפראנטירט אונדזער ראיאן."

**פרעזידענט פון דעם בויען און קאנסטרוקציע האנדל קאנסול פון נאסאו און סופאלק קאונטיס מאטיו אראקיטש האט געזאגט,** "לאנג איילענדס רעיל עסטעיט מארק איז אינגאנצן פארקרומט. איך אפלאדיר די גאווערנערס פאזיציע צו פרובירן זיך צו נעמען צו דעם ענין, אז מיר זאלן זיך קענען רוקן פאראויס און אדרעסירן די האוזינג נייטיגקייט איןביידע קאונטיס."

**עקזעקוטיווע דירעקטאר פון לאנג איילענד האוזינג סערוויסעס, אינק. איען וויילדער האט געזאגט,** "גאווערנער האקול פארדינט זיך קרעדיט פארן אויפשטעלן און פארלייגן א וויזיע צו אדרעסירן לאנג איילענדס אויספעל פון האוזינג - ספעציעל צוגענגלעכע האוזינג. אָן קיין פלאן, לאנג איילענד -- ספעציעל אונדזער עקאנאמיע -- וועט ווייטער ווערן אויסגעהוילט צוליב א דוחק פון ערטער צו וואוינען. אפילו קעגנערס פון איינצלהייטן פון דער גאווערנערס האוזינג קאמפאקט זענען מסכים אז מיר האבן א קריזעס. דאך, נאך אזוי פיל צייט, האבן די קעגנערס פארפעלט צו צושטעלן א צווייטער מעגלעכקייט. צוליב דעם שטיצן מיר ווייטער די האוזינג קאמפאקט אלץ א פרא-היים, פרא-לאנג איילענד כלים-קעסטל זיך אוועקרוקן פון פוסטע רייד צו דערגרייכן לייזונגען."

**עקזעקוטיווע דירעקטאר פון האוזינג הילף אינק. פילאר מוייע-מאנטשערא האט געזאגט,** "די האוזינג קאמפאקט פלאן איז א געוואלדיגע געלעגנהייט צו אדרעסירן די האוזינג נויט פון יונגע דערוואקסענע, סיניור סיטיסענס, אינוואלידן, די שווערע-ארבעטער קלאס, און די נייטיגע ארבעטער וואס זענען דעם רוקביין פון אונדזער עקאנאמיע.  עס איז שוין לאנג איבערפעליג אז מיר זאלן אנהייבן אינוועסטירן אין דעם יעצטיגן און צוקונפדיגע הצלחה פון דער לאנג איילענד קאמיוניטי. נאכמער, די האוזינג קאמפאקט איז א מורא'דיגע געלעגנהייט אריינצוברענגן א נייע תקופה אויף לאנג איילאנד פאר דעסעגרעגאציע.  עס איז מאראליש נישט אויסגעהאלטן אז אין 2023, וואוינען מיר אין א ראיאן וואו דער זיפקאד פון וואנעט איר קומט איז קובע ווי לאנג איר וועט לעבן, קוואלטעט פון עדיוקעישן, געזונט, און קוואלטעטן פון לעבן."

**פרעזידענט און CEO פון קאמיוניטי אנטוויקלונג קארפאראציע פון לאנד איילענד גוען אוישעי האט געזאגט,** "מיר דאנקען דעם גאווערנער פאר פרובירן זיך א נעם טאן קעגן די איינגעווארצלטע צוים וואס האט איינגעהאלטן היים און עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר אזוי פיל. מיר גלויבן די ראפירנירטקייט קען מיטהעלפן אין זינען האבנדיגע רעזולטאטן, אזוי ווי באלוינען פיאנירישע קאמיוניטיס (אזוי ווי די שטעטלעך פון העמפסטעד און פאטשאוג) און סטימולירן די געוואוקס צילן מיט פארמערטע פינאנצירונגען פאר לאקאלע רעגירונגען צו אדרעסירן זייער ספיציפישע געברויכן פאר סביבה'דיגע אפהיט און אינפראסטרוקטור מעגלעכקייט."

**CEO פון געזונט און פארזארג קאונסיל פון לאנג איילענד רעבעקא סאנין האט געזאגט,** "לאנג איילענדס אויספעל פון דערגרייכנדיגע און צוטריטלעכע האוזינג אימפאקטירט פארמעסטערישע ארבעט, פובליק געזונט, זיכערקייט און אנהאלטן פון יונגע פראפעסיאנאלן צו בלייבן אין דער געגענט פון זייער קאמיוניטיס. דער אויספעל פון זיכערע, און צוטריטלעכע האוזינג אויף לאנג איילענד איז א הויפט עקאנאמישער און סאציאלער ענין וואס שטערט אונזער פראגרעס אלץ א ראיאן, וואס שטרויכלט פאמיליע וואוילזיין און טוט צוריקהאלטן אמעריקעס ערשטע הינטערשטאט פון ווערן אן ארט פאר אינוועסטירונגען און אינאוואציע. א קאמבינאציע פון רעסורסן, אינפראסטרוקטור און סטימול זענען שטארק נייטיג כדי די אינדיווידועלע קאמיוניטיס זאלן קענען עפעקטיווערהייט פלאנירן אויספירן זייערע געברויכן און פאטענציאל און ווערן אטראקטיווע קאמיוניטיס פאר צוקונפדיגע דורות צו וואוינען, ארבעטן און האדעווען זייערע פאמיליעס אין לאנג איילענד."

**פרעזידענט פון הונטינגטאן טאונשיפ האוזינג האנטער גראס האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו שטיצן גאווערנער האקולס NYS האוזינג קאמפאקט. מיר קענען ניש אנגיין האבנדיג מיטל-קלאס פאמיליעס, יונגע פראפעסיאנאלן, און עלטערע איינוואוינערס פון אלע ראסן זאלן ווערן אויסגעשלאסן פון דער האוזינג מארקעט. דער פלאן וועט זיך א נעם טאן צו באגרענעצטע זאנינג, בעת ארבעט מיט די ארטיגע צו באשליסן וועלכע האוזינג פאסט אמבעסטן פאר זייער קאמיוניטי. דאס פארשטייט זיך באמת אליין פאר לאנג איילענדס עקאנאמיע."

**לאנג איילענד בויערס אינסטיטוט מייק פלאריו האט געזאגט,** "דער גאווערנער האט ריכטיג אנערקענט אז דער סטאטוסקווא וועט נישט לייזן די האוזינג קריזעס וואס מיר אלע ווייסן עקסיסטירט. לאנג איילענד בויערס אינסטיטוט מייק פלאריו האט געזאגט, דער גאווערנער האט ריכטיג אנערקענט אז דער סטאטוסקווא וועט נישט לייזן די האוזינג קריזעס וואס מיר אלע ווייסן עקסיסטירט."

**וויצע פרעזידענט, סטעיט פראגראמען פאר ראיאנאלע פלאן אסאסיאציע מעליסע קאפלאן-מעיסי האט געזאגט,** "RPA איז שטאלץ צו שטיצן גאווערנער האקולס ניו יארק האוזינג אימפאקט פארשלאג. כאטש אז נישט איין סטרטעגיע איז דער כישוף-רפואה וואס וועט אדרעסירן די האוזינג געברויך פון אונדזער סטעיט, איין זאך איז קלאר - כדי אנצוטרעפן אונדזער האוזינג פארמעסט,מוזן מיר ערלויבן מער היימען צו ווערן געבויעט. מיר מוזן ארבעטן צוזאמען צו לייזן אונדזער האוזינג פארהאנענקייט פראבלעם אין אלע שטאפלען פון רעגירונג--צו איידע אדרעסירן אונדזער יעצטיגע האוזינג קריזעס און ערלויבן צוקונפדיגע געוואוקס."

**עלטער פראגראם אפיציר פון לאנג איילענד קאמיוניטי גרונט סאל מארי אלפאנזא-דזשאנס האט געזאגט,** "לאנג איילענד איז א דינאמישע ראיאן מיט אויסערגעוויינטלעכע פארמאג. אבער האבן האבן נישט מיטגעהאלטן מיט די האוזינג געברויך. אונדזער אויספעל פון קוואליטעט צוטריטלעכע האוזינג איז ווייטער א הויפט צוריקהאלט פאר לעבנס קוואליטעט פאר אונדזערע איינוואוינער, ארבעטער און ביזנעס אייגנטימער. מיר זענען דאנקבאר פאר די פאראויס-טראכטנדיגע מוניציפאלע פירער וואס האבן באשאפן אינאוואטיווע האוזינג אפציעס אויסצופילן די נייטיגקייט פון אונדזער פארשידן-מיניגע באפעלקערונג. מיר אפלאדירן גאווערנער האקולס איבערגעגעבנקייט צו שטיצן אלע לאנג איילענד מוניציפאליטעטן צו באשאפן אריינגעמיגע הייזער וואס וועט פארזיכערן אז אונדזער ראיאן בלייבט א הערליכע דינאמישע פלאץ ווי אלע קענען הנאה האבן פון א גוטע קוואליטעט פון לעבן."

**פרעזידענט און CEO פון HIA-LI ווערט גערעכנט אלס איינע פון לאנג איילענדס חשוב'סטע ביזנעס אינטערעס ארגאניזאציעס און פארוואלטער פון די לאנג איילענדס אינאוואציע פארק אין האופאוג, טערי אלעסי-מיטשעלי האט געזאגט,** "HIA-LI איז דערפרייט אז גאווערנער האקול אנערקענט אז די צוקונפט פון דער לאנג איילענד עקאנאמיע ווענדט זיך אויף פארברייטערטע האוזינג פארהאנענקייט - ספעציעל צו העלפן האלטן יונגע פראפעסיאנאלן וואוינען און ארבעטן דא אין דערביי-קאונטי ראיאן. די ניו יארק האוזינג קאמפאקט איז א חידוש'דיגן צוגאנג אז, מיט ארטיגע צושטייער, קען העלפן באווארענען דעם הינטערשטאטישן כאראקטער פון אונדזערע קאמיוניטיס."

**גרונדער און פרעזידענט פון מינאריטעט מילעניאלס, אינק. דן לויד האט געזאגט,** "מינאריטעט מילעניאלס שטיצן גאווערנער האקולס האוזינג קאמפאקט וויזיע, איינע וואס אדרעסירט שטאלצערהייט אונדזער געגנטס גענייטיגטע האוזינג קריזעס און ארבעט צו פארזיכערן אז לאנג איילענדס נעקסטן דור האט דעם געלעגנהייט אויפצוברענגן זייערע פאמיליעס אין לאנג איילענד בעת זיך ערלויבן נאכיאגן דעם אמעריקאנער חלום. מיר שאצן אפ אז דער פלאן באפולמאכטיגט ארטיגע רעגירונגען אויסצוקלויבן ענטפערס וואס איז אויסגעמאסטן פאר זייערע קאמיוניטיס מיט פינאנצירונג, פלאנירונג, און אדמיניסטראטיווע שטיצע פון דער סטעיט. דאס איז א ספעציעלע מאמענט פאר ראיאנאלע אנפירער צו ארבעטן אויף נייע לייזונגען צו א זייער אלטן פראבלעם: האוזינג."

**מזרח עק YIMBY מייקל דאלי האט געזאגט,** "עלטערן, נייטיגע ארבעטער, יונגע פראפעסיאנאלן, ביזנעס אייגנטימער, עלטערע, און קאמיוניטי אנפירער איבער לאנג איילענד זענען מסכים אז אונדזערע שטארק פארעלטערטע מאדל פאר באשאפן צוטריטלעכע האוזינג איז אדורכגעפאלן און אונדזערע קאמיוניטיס. מיר דארפן א נייעם צוגאנג. בעת ס'איז נאך דא פלאץ אויף פארבעסערונגען, זענען די ניו יארק האוזינג קאמפאקט צילן שכל'דיג און לייגן פאר א סעריע פון אויספרובירטע און געטעסטירטע כלים וואס האבן זיך אויסגעוויזן צו זיין הצלחה'דיג און סיטיס און שטעטלעך איבער גאנץ אמעריקע. די אינצענטיוון וועלן ערלויבן און דערמוטיגן יעדע מוניציפאליטעט צו אדרעסירן זייער אייגענע האוזינג נייטיגקייט אין וועגן וואס בענעפיטירן זייערע לאקאלע איינוואוינער און ביזנעסעס. מיר שטיצן NY האוזינג קאמפאקט. מיר זענען אנטוזיאסטיש צו זען וואס די נעקסטע דריי יאר וועלן ברענגען צו אונדזערע באליבטע קאמיוניטיס, און מיר זענען זיכער אז עס וועט העלפן בויען א ליכטיגערע צוקונפט פאר אלע לאנג איילענדער."

**פרעזידענט און הויפט עקזעקוטיווע אפיציר פון EAC נילא מוכערדזשי לאקל האט געזאגט,** "EAC נעץ אפלאדירט גאווערנער האקולס אנערקענונג פון די ערנסקייט פון דער האוזינג קריזעס און נעמט אָן אקציעס צו אדרעסירן דעם ענין. מיר אנערקענען ווי הארב דער מצב איז, ספעציעל דא אין לאנג איילענד, און מיר זענען צופרידן צו זען אז דאס איז א פריאריטעט פאר דער גאווערנער."

**פרעזידענט פון ERASE ראסיזם לאורע הארדינג האט געזאגט,** "גאווערנער קעיטי האקולס גאנצשטאטישע סטראטעגיע צו אדרעסירן ניו יארקס האוזינג קריזעס רעפרעזענטירט א העלדישער ערשטער טריט צו נעמען דעם גרונטיגן פארמעסט פון צוטריטלעכע האוזינג אויף לאנג איילענד און איבער ניו יארק. עס שלאגט פאר פתרונות וואס וועט בענעפיטן אלע לאנג איילענדער דורך פארמערן האוזינג אפציעס. עס טוט אדרעסירן די נויט פון אונדזערע אומבאשיצסטע באפעלקערונג, און עס נעמט אין באטראכט די אויסגעשלאסענע זאנינג וואס איז אינעם הארץ פון לאנג איילענדס מעמד אלץ איינע פון די 10 ראסיסטישע אפגעזונדערטע ראיאנען פונעם לאנד."

**פרעזידענט פון לאנג איילענד אפריקן-אמעריקאנער האנדלס קאמער, אינק., פיל אנדרוס האט געזאגט,** "צוטריטלעכע האוזינג אין לאנג איילענד איז איינע פון לאנג איילענדס דרינגענדיגסטע פראבלעמען.מיר מוזן אדרעסירן דעם ענין אויף א נייטיגן אופן וויל דער ענין וועט אויסטריקענען דעם טאלאנט קאלעקטיוו אויף לאנג איילענד, און האבן א נעגאטיווע אימפאקט אויף דעם ראיאנס עקאנאמיע אויף א נעגאטיוון אופן."

**דינגער און פאטשאוג איינוואוינער, טרעסי טאד האנטער האט געזאגט,** "צוטריטלעכע האוזינג אין לאנג איילענד איז א דרינגעוודיגע נויט.אונדזער יוגנט, עלטערע, איינצעלע הויפט פון הויזגעזינדער, וועטעראנען, אינוואלידן זענען אין א שרעקלעכע נויט פון צוטריטלעכע רשות. אין דעם מאמענט, קאלעדזש סטודענטן וואס גרעדזשואירן וואס זענען גרייט זיך מצטרף זיין אין לאנג איילענד ארבעט-כוח קענען נישט דינגען קיין דירה אדער קויפן א הויז צוליב די הויכע קאסטן וואס שטימט נישט מיט זייער הכנסות. זייער אפציעס זענען מינימאל. אדער זיי וואוינען אין דער היים מיט זייערע עלטערן, זוכן אויס מיטוואוינער, אדער ארבעטן עטלעכע סארטן ארבעט צו פארדינען גענוג כדי צו האבן א דאך איבערן קאפ. לעצטנס דארפן פענסיאנערן אויך טראכטן סטראטעגיש.אסאך פענסיאנערן ארבעטן ביז גוט אין די זיבעציגע יארן ווייל זייערע אויסוואלן זענען קליינע, און זיי ווילן ליבערשט נישט אויפגעבן זייער פרייהייט פון פארקויפן זייער הויז וואס איז געווען א מקום-מקלט פאר פאמיליע צוזאמענקום און וואו סענטימענטאלע, פארבלייביגע זכרונות האבן פאסירט. טייל דארפן זיך איבערציען צו א קינד/משפחה אדער זיי דארפן זיך איבערציען צו א סטעיט וואו האוזינג איז ביליגער כדי זיי זאלן קענען הנאה האבן פון די גאלדענע יארן אנשטאט זיך זארגן פון נישט צאלן יענקלען כדי צו צאלן משה'ן. קיין שום עלטערע

מענטש זאל נישט דארפן פילן אומזיכער און האבן צו טאן מיט דרוק צי זיי וועלן האבן א דאך איבערן קאפ נאכדעם וואס זיי האבן אפגעארבעט דאס גאנצע לעבן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן